**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/14/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט איבער 550 אנגעקלאגט אין קרעקדאון אויף פאלשע ID׳ס און מינדעריעריג טרונקען**

***דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס פאקוסירט אויף אפהאלטן מינדעריעריגע אלקאהאל איינקויפונגען ביי זומער קאנצערט טרעף-פונקטן***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן אז איבער 550 מענטשן האבן באקומען טיקעטס במשך דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס סעזאנעלע קרעקדאון אויף דאס באניץ פון פאלשע אידענטיפיקאציע איינצוקויפן אלקאהאלישע געטראנקען. דער ׳אפערעישען פרעווענט׳ אינפארסירונג קאמפיין האט זיך הויפזעכליך פאקוסירט אויף קאנצערט צוזאמקונפט ערטער, וואו יונגווארג פרובירן אפטמאל צו ניצן פאלשע ID׳ס אויף צו קויפן אלקאהאלישע געטראנקען. DMV פארשער ארבעטן מיט די צוזאמקונפט ערטער און ארטיגע געזעץ אינפארסירער אויף אפצוהאלטן מינדעריעריג טרונקען און די פאטענציעל פאר אומפעאיגע דרייוו׳ען וואס קען רעזולטירן דערפון.

״ניו יארק האט אזויפיל וואונדערליכע צוזאמקונפט ערטער פאר לעבעדיגע מוזיק, און מיר ווילן אז מענטשן זאלן פון זיי געניסן זיכערערהייט,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״דורך אונטערהייבן אונזערע אינפארסירונג באמיאונגען, וועלן מיר העלפן אפהאלטן מינדעריעריגע ניו יארקער פון איינקויפן אלקאהאלישע געטראנקען און אראפברענגען די ריזיקע פון דרייוו׳ען אנגע׳שיכור׳טערהייט די זיכערהייט פון אונזער יונגווארג איז דאס העכסטע נויט, און איך בין דאנקבאר צו דעם דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס און אירע צוזאמארבעטער פאר זייערע באמיאונגען צו העלפן זיכערערהייט אפהיטן ניו יארקער.״

**דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס קאמיסיאנער מארק דזשעי. עף. שראָודער האט געזאגט,** ״DMV פארשער זענען מבינים אין דערשפּורן פאלשע ID׳ס און ניצן סטעיט-אָוו-דע-אַרט געצייג פעסטצושטעלן די אויטענטישקייט פון אן ID, כדי אז פאלשע ID׳ס זענען נישט ווערט צו קויפן. אויב איר זענט אונטער 21, מוטיגן מיר אייך בלויז הנאה צו האבן פון די מוזיק און שטעלן זיך נישט איין דאס לעבן, אייער זיכערהייט און די זיכערהייט פון אנדערע דורך טרונקען אלקאהאל.״

**סטעיט ליקור אויטאריטעט פארזיצער ווינסענט ברעדלי האט געזאגט,** ״מינדעריעריגע טרונקען קען פירן צו צעווילדעוועטע פירונגען וואס קען גורם זיין געפארפולע, לעבנסלאנגע תוצאות. דורך ארבעטן מיט אונזערע צוזאמארבעטער אין דעם DMV און ארטיגע געזעץ אינפארסירונג, איז דער SLA געבליבן אנטשלאסן אפצוהאלטן אלקאהאלישע געטראנקען פון אנקומען אין די הענט פון מינדעריעריגע יונגווארג.  דורך ארבעטן אינאיינעם דעם זומער, האבן מיר געקענט אנהאלטן אונזער אויפגאבע אפצורעדן סיי ביזנעסער פון פארקויפן פאר מינדעריעריגע און סיי יונגע ניו יארקער פון פרובירן צו קויפן אלקאהאלישע געטראנקען ניצנדיג פאלשע ID׳ס.״

**ניו יארק סטעיט אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע קאמיסיאנער טשינאזא קונינגהעם האט געזאגט,** ״מינדעריעריגע טרונקען קען רעזולטירן אין מערערע געזונטהייט פראבלעמען פאר יונגע לייט, אריינגערעכנט א גרעסערע ריזיקע פאר אנטוויקלען א סובסטאנץ באניץ אומארדענונג שפעטער אין לעבן. מיר מוזן ווייטער זיך באשעפטיגן מיט די אפהאלט באמיאונגען צו העלפן יונגע לייט בלייבן אפגעהיטן.״

DMV פארשער זענען טרעינירט און ניצן סאפיסטיקירטע געצייג צו סקאנירן און דערווישן געפעלשטע ID׳ס דורכאויס דעם זומער אינפארסירונג קאמפיין זענען 580 פאלשע דאקומענטן צוגעכאפט געווארן. א סך הכל פון 505 טיקעטס זענען אויסגעטיילט געווארן פאר׳ן ניצן פאלשע ID׳ס און נאך 46 טיקעטס אויסגעטיילט פאר פארלעצונגען פון דעם אלקאהאלישע געטראנקען און קאנטראל געזעץ.

קלאגעס און צוגעכאפטע פאלשע ID׳ס לויט׳ן ראיאן רעכענען אריין:

| ראיאן | אנקלאגעס | פאלשע ID׳ס צוגעכאפט |
|---|---|---|
| **קאפיטאל ראיאן** | 168 | 172 |
| **צענטראל ניו יארק** | 41 | 41 |
| **פינגער לעיקס** | 259 | 275 |
| **לאנג איילענד** | 83 | 92 |
| **סך הכל** | 551 | 580 |

ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט אן עדיקשען, אדער וועמענס קרובים מוטשען זיך מיט אן עדיקשען, קענען געפונען הילף און האפענונג דורכן רופן דעם סטעיט'ס אומזיסטע, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך HOPE-האטליין אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן HOPENY (שארט-קאוד 467369).

עדיקשען באהאנדלונגען סערוויסעס וואו זענען צו באקומען – אריינגערעכנט קריזיס/דיטאַקס, אין-פעישענט, פריוואטע פאציענט וואוינונגען אדער אוטפעישענט באהאנדלונג קען מען געפונען ניצנדיג ניו יארק סטעיט אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע ׳טריטמענט עוועילעביליטי דעשבאָורד׳ אויף FindAddictionTreatment.ny.gov אדער דורך דעם ניו יארק סטעיט אפיס פאר עדיקשען סערוויסעס און שטיצע וועבזייטל.

פאר מער אינפארמאציע איבער DMV, פאלגט נאך DMV אויף פעיסבוק, טוויטער און אינסטעגרעם.

###